די איבעריגע זאלען ארויסגעהן פריהער, און ווען ער איז געבליבען דער לעצטער ארויסצוגעהן, האט ער זיך א שטעל געגעבען און האט א פרעג געטהאן:

אדוני מורי ורבי, וואס וועט זיין מיין שכר פאר מיין אויפהאלטן אייער חבורה?

ברייטע קנייטשען האבען זיך איבער דעם רבינ'ס פנים אויסגעצויגן... ער האט אויפגעציטערט מיט זיין גאנצען קערפער... א ווייל איז דער רבי ז"ל געשטאנען שטיל, און די אויגען האט ער געהאלטען צו דער ערד. ענדליך האט ער שטיל זיך אפגערופען:

איך בין דיר מבטיח, אז דו וועסט האבען עולםהבא!...

עולם הבא הבטיח לו רבינו הזקן אבל לא עולם הזה. הרב יצחק השאיר עני גדול כל ימיו. אדמו"ר האמצעי הי' תומך אותו והי' אוכל על שולחנו.

# את כתב כ"ק אדמו"ר הזקן קרוב לזמן הסתלקותו

נפש השפלה באמת לאמתו בשרשה עבודתה היא תורה גשמי' בין לה ובין (להבין) לאחרים ובין גמ"ח גשמיים ע"י קירוב הדעת ועצות מרחוק בכל עניני ב"ב אף כי רובם ככולם הם דברי שקר א"א בענין אחר שיעשו חסד של אמת כי אין אמת אלא תורה ואמת אמר אל יברא (שכולו מלא שקרים) כו' והחסד אמר יברא שכולו מלא חסדים ותשלך אמת ארצה ועולם בחסד שאינו של אמת יבנה.

ובדורות הראשונים שעיקר העבודה הי' התורה הי' רוב החסד נכלל באמת דהיינו בגדול המעשה דכופין וממשכנין כו' ע"פ תוקף תורת אמת האמוראים. משא"כ בעקבות משיחא שנפלה סוכת דוד הנופלת עד עפר בבחי' עשי' והעבודה העקרית בבחי' עקביים לבד בלי תורת אמת משניות ובריתות שהן גדפין וירכין אזי רוב החסד הוא שלא ע"פ תורת אמת בגדול המעשה כ"א בהתקרב הדעת העושה ורצונו הטוב הרחוק באמת באשר הוא סוף מעשה במח' תחלה. (ונעוץ תחלתן בסופן) וגם אים אין רק דרך אחת והיא שפלה אזי לנחמו לקבל באהבה או לעורר ולפשפש במעשיו ולשוב עד הוי'

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 100 הודפס ע"י אוצר החכמה

# פרק שנים עשר

# אשכבתא דרבי

הבריאות של רבינו נתקלקל מצד כמה סיבות, המרה שנקר׳ גאל נחלש מאוד, וגם נתקרר ביותר מפני זקנותו וחלישותו.

ביום שלישי י"ט טבת נתחזק חליו, המנהג בזמן ההוא הי׳ הסדר שרוב הזמן נוהג לבוא לחדר הכל איפה שרוב העם נמצאים. אחד מזמני המסיומים לזה הי׳ לאכילה כדי שיוכל לברך במזומן.

אבער, אז עס איז אוועק א שטונדע, א צווייטע, און דער רבי ד"ל, איז ניט ארויס געקומען, האט מע זיך גענומען באונרוהיגען, ווייל מען האט געוואוסט אז ער איז זעהר פינקטליך. נאך א לאנגען ישובהדעת איז ביי אלעמען געבליבען אז דער צמח צדק זאל געהן און איהם דעמאנען אז עס איז שוין צייט צו נעהמען עפעס אין דיין הייליגען מויל אריין...

דער צמח צדק, כאטש אז ער האט געוואוסט אז דער אלטער רבי קען ניט ליידען ווען מען שטערט איהם האט דאך גענומען אויף זיך די שליחות, און האט שטיל אנגעקלאפט אין טיהר פון דעם חדר.

ווי דערשראקען איז ער געווארען, ווען ער האט קיין ענטפער ניט באקומען, האט ער שטיל געעפענט די טהיר און איז ארינגעגאנגען.

עם ביאתו להחדר שאל אותו רבינו: "הרואה אתה את הקורה?" הצמח צדק התפלא על השאלה המוזרה הזאת, ולא השיב דבר; אז אמר לו רבינו: "אני אינני רואה עתה דבר זות החיות והרוחניות שבכל עצם, הכח האלוקי המחיה ומהוה את כל..."

מיין קינד! האט דער רבי שטיל מיט ליעבשאפט אויסגערופען... ווען נאפעלאען וועט ארויסטרעטען פון דער רוסישער גרענעץ וועל איך אייך פערלאזען... עס וועט נאך נעהמען אייניגע טעג, נאפאלעאן איז יעצט לעבען קאוונא. איידער ער וועט אריבער דעם פרייסישען גרענעץ, וועט נאך נעהמען פינף טעג...

אבער די בניבית ווארטען דאך אויף אייך, וואס זאל איך זיי זאגען?

זאג זיי, אז איך פיהל ניט בקו הבריאה אין דערפאר קען איך ניט ארויסגעהן... אין די

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 101 הודפס ע"י אוצר החכמה

בני בית וועל איך ארייננרופען, ווען איך וועל עס געפונען פאר נויטיג.

א דערציטערטער, איז דער צמח צדק פון חדר ארויס. באותן הימים לא פסק פומיה מגירסא עד יום מנחתו.

בזמן של צאת הכוכבים של יום ש"ק פ' שמות ביקש רבינו הזקן מים לנטילת ידים קודם תפלת ערבית, הוא התפלל תפלת ערבית והבדלה בחונן הדעת בדעה צלולה ומיושבת ובדבקיות נפלאה. עם גמר סיום תפלתו הבדיל רבינו "הבדלה" על קפה שחור. הקפה נשפך על פני הרבנית שטערנא.

בזמן ההוא בא שליח של גענעראל טאלסטאיי להודיע לרבינו הזקן שאתמול הי' כבר חיל צרפתים סמוך להגבול נהר ניימאן. ומשערים שכבר בלילה זה יסיימו הצרפתים לעבור הגבול.

הגענעראל נאיי וכמה אלפים חיילים צרפתים היו האחרונים שעברו הניימאן.

רבינו הזקן קרא למשפחתו שכולם יכניסו אליו להחדר שלו. הרב נחום מניזין הי' אחד מאלו שעמדו אז לפני מטת רבינו הזקן וסיפר להרב יוסף ליב שניאורסאן מלודז את הדברים האלה מה ששמע באזניו.

רבינו הזקן פתח: בני, עוד מעט ואני הולך בדרך אשר לא אשוב עוד, והנה אל ישיאכם לבכם לאמר: שלום יהי' לנו אף אם בשרירות לבנו נלך, כי אבינו יגן עלינו, ויהי' לנו למליץ יושר לפני אלוקים. בני, אל נא תחשבו כן ואל תשעשעו נפשכם בתקותשוא. ידעו תדעו כי המתים אינם יודעים מאומה, מכל הנעשה פה בעולם התחתון. והנפש האלקית שמתגעגעת תמיד למעלה, מיד כשהיא מתפרדת מן הגוף ועוזבת את בית המרה "להתדבק בשרשה ומקורה בח' חיי החיים", מאותה שעה ואילך נפסק כל החבור בינה ובין העולם הגשמי, וכל הקשר שביניהם נפרד לגמרי; וזה לכם האות: כי לוא ידעו המתים מכל הנעשה פה בארץ, כי אז בלי ספק הפריעו בעד דברים הרבה, שבחיים היו להם למורת רוח, ואבותינו נוחי נפש, בודאי לא הניחו שעל מערת המכפלה, במקום הקדוש והנורא הזה, יתנוסס בית מסגד לישמעלים. לזאת אפוא, בני, התחזקו ודאגו בעד נפשכם; לכו בדרך אלוקים, דרך התורה והמצוה ולא תסורו ממנו ימין ושמאל, כי אז תצליחו בכל אשר תעשו, וה' ישמרכם מכל רע וייטב לכם כל הימים.

אחרי כן התחזק רבינו מעט וישב על המטה, ויצו לתת לו עט וניר ובידים רועדות מרפיון כתב את הדברים האלה:

נפש השפלה באמת לאמיתו בשרשה עבודתה היא תורת גשמית

רבינו הזקן ג"כ מסר להצמח צדק א בינטעל כתבים. בעת שמסר רבינו הזקן הכתבים אמר מובטחני, אז איך לאז עס איבער אין גוטע הענט. אחי יהודה לייב פלעגט שרייבען ווי איך זאג, בני ר' דובער האט געשריבען ווי איך מיין, און מיין אייניקעל האט פערשריבען

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 102 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה
אוה"ח 1234567

[redacted]



האהל של כ"ק אדמו"ר הזקן בהאדיץ.

**מיינע דיבורים ווי איך זאג און ווי איך מייך"**

**רבינו אמר להצ"צ אם יש לך מה לשאול שאל נא עתה. להצמח צדק לא עלה על דעתו אל מה ירמזון דברי זקנו ולא שאל מאומה. כשגדל בנו הרה"צ רבי"ש היו מסובבים בשאלה אודות הנחת תפילין שלו שהרב"ש בכפת יד ימין שלו לא היו אצבעות התוכות תפרדות, כמו שהוא אצל שאר בני אדם הי' מוכרחים שאחרים יברר הדין.**

# פרק שלושה עשר

# קבורתו

## הבאת רבנו למנוחות. מעשה-פלא בדרך. השודדים בעיקבות הארון... הבטחת רבנו בחלום. הטהרה.

המרחק קבורתו בין פייענא להאריץ שמנים וויארסט או 35 מיל. כשנסתלק כ"ק אדמו"ר הזקן בכפר פייענא והיות והחורף הי' בעיצומו לא יכלו לנסוע בעגלה כי השלגים היו מרובים על פני הדרך, לכן נאלצו לנסוע בעגלת חורף שנקראת "שליטין".

המלחמה עם נאפוליון טרם נגמרה ובכל כפר עמדו שומרים לבדוק הנוסעים שחששו ממרגליחרש שנשלחו מהאויב, ואם יראו השומרים שמובילים אישמת יחשדו בהם על כוונתם לקברו במקום ההוא, ולא במקום שנפטר, או יעלו סתם חשד אחר.

אחרי אשר התיעצו בני המשפחה והחסידים כיצד יובילו את כ"ק אדה"ז להאדיטש, גמרו ביניהם שטוב יותר להושיב את כ"ק אדה"ז על עגלת החורף בדרך ישיבה של אדם חי, ושלשה אנשים ילווהו אל המקום אשר איווה לבוא לקבורה. המלווים היו, כ"ק אדמו"ר הצ"צ, כ"ק הרה"צ ר' נחום בן כ"ק אדמו"ר האמצעי, ועוד אחד. המלווים הסכימו ביניהם, היות והקור השורר בחוץ הוא עז ובאמצע הדרך כשיעצרו בקרעטשמע יכנסו שניים להתחמם והשלישי ישאר עם כ"ק אדמו"ר הזקן על עגלת החורף לשמירה.

מספר כ"ק הרה"צ ר' נחום, באכסניא אחת נפל הגורל שהוא ישאר בחוץ לשמירה והשנים האחרים יכנסו להתחמם. פתאום ראה הר"נ שכ"ק אדה"ז מגביה את גופו הקדוש, וכאילו חפץ לרדות מהעגלה, וכן גם העגלה מתנשאת למעלה, ומרוב הפחד שנפל עליו כמעט ויצאה נשמתו. ויתחזק ברוב עמל, והלך סביב העגלה לראות מה קרה, והנה ראה חזיר טמא עמד תחת העגלה, וכ"ק אדה"ז לא הי' יכול לשאת את הטומאה, ויגרש את החזיר,

והעגלה חזרה למקומה, וכ"ק אדמו"ר נרגע וישב במנוחה.

כ"ק הרה"צ המשיך לספר, באכסניא אחרת, נכנסו שנים להתחמם ואחד נותר בחוץ לשמירה. אחרי ישבם שם רגעים אחדים, קרב בעל האכסניא אל השנים ואמר להם, שהאנשים הנכרים היושבים בפינה הייא הם שודדים שמעתי אותם משוחחים ביניהם ורומזים עליכם, שאתם אנשים המוליכים ממון רב, ששנים מכם ניצבים בחוץ לשמירה ושנים מכם נכנסתם לאכסניא להתחמם, לכן מייעץ אני לכם, אמר בעל האכסניא, שתמלטו לנפשותיכם מיד!

שניהם יצאו מהאכסניא תיכף ומיד וישבו על העגלה, ושני השודדים עקבו אחריהם כשהם רכובים על סוסיהם. השודדים רדפו אחרי העגלה בכל מרצם, אך לא יכלו להשגים, כך רדפו השודדים אחרי העגלה מספר וויארסט, ולבסוף נואשו מלהשיג את העגלה וחזרו אחורנית.

מספר הר"ג, שכ"ק אדה"ז, בא לו בחלום ואמר לו, היות ומסר נפשו בעת אשר הובילו אותו להאדיטש, ע"כ מבטיח לו, עבור הטובה הגדולה שעשה לו, שיהי' עמו במחיצתו.

שנעל ווי א בליץ האט זיך צוטראגען אין האדיץ צווישען די דארטיגע אידען, אנשי שלומנו, די שרעקליכע בשורה וועגען דער הסתלקות פון דעם גרויסען צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן. קינד און קייט, מקטן ועד גדול, האבען זיך אין א קליין ווילע צונויפגעקליבען אויפ'ן שולהויף, וואו דער שליטען מיט דעם גרויסען נפטר איז געשטאנען.

א הארצרייסענדער געוויין האט אויבגעבראכען צווישן די עלטערע חסידים, וואס האבען דעם רבי'ן געקענט. א טיפער טרויער האט זיך אריבערגעצויגען איבער די קעפ פון די פערזאמעלטע. קיינער האט ניט געקענט קומען צו זיך פון דער שמועה רעה, וואס האט זיי אזוי אומגעריכטערהייד דערגרייכט.

באלד האט דער ראש הקהלה אויף גיך פעררופען אן אספה פון בעלי בתים אנשי מעשה, כדי זיך מיט זיי מיישב צו זיין, ווי אזוי זיך נוהג צו זיין מיט דער קבורה, ווער עס זאל זיך מיט דעם גרויסען נפטר מתעסק זיין, און ווי אזוי די לויה זאל צוגעהן, נאך א לאנגען שקלאוטריא איז ביי זיי געבליבען, אז מען זאל זיך סומך זיין אויפ'ן פסק דין, וואס איז ארויסגעטראגן געווארען בעת דער הסתלקות פון מעזריטשער ז"ל, אז די חברהקדישא זאל זיך אפגעבען מיט דער טהרה.

ווען דער גרויסער חסידישער רבי, המגיד ממעזריטש ז"ל איז נסתלק געווארען, האט זיך אנגעהויבען א גרויסער סכסוך צווישען חברהקדישא און זיינע תלמידים. חברהקדישא האט גע'טענה'ט, אז וויבאלד זיי זענען זיך מתעסק מיט מתים, קומט זיי דער זכות אפצוגעבען דאס לעצטע רעכט צו דעם איש קדוש וטהור, און די תלמידים האבען גע'טענה'ט, דאס, אזוי ווי זיי האבען איהם משמש געווען ביים לעבען, דארפען זיי עס יעצט אויך טהאן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 105 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוןביידע צדדים זענען געווען פאר'עקשנ'ט אין זייערע טענות, און זיי האבען בשום ניט געקענט קומען צו קיין פשרה. זיי האבען בעשלאסען זיך סומך זיין, על הדין, מען האט געזעצט א ביתדין, וועלכער האט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים. נאך א לאנגען ישובהדעת, האט דער ביתדין ארויסגעטראגען זיין פסק, אז מתעסק זיין זיך מיט א מת, מעג ער זיין ווער ער איז, געהערט צו דער חברהקדישא, און נאר די תלמידים, וועלכע זענען איינגעשריבן אין אירגענד וועלכער חברהקדישא אפילו פון אן אנדער שטאדט, מעגען זיך אויך מתעסק זיין מיט דער טהרה.

צווישען די תלמידים, וואס זענען געווען פערשריעבען אין א חברהקדישא, איז אויך געווען דער ליאדיער צדיק, נאר דאן א יונגער מאן, און איהם איז אויך ערלויבט געווארען צו זיין צווישען די מתעסקים.

גלייך ווי דער פסק דין איז ארויסגעטראגען געווארען, האט די חברה קדישא געווארפען צווישען זיך גורל, ווער עס זאל זיך מיט וועלכען אבר מתעסק זיין ביי דער טהרה. דער ליאדיער ז"ל, האט אויף זיין גורל ארויסגעצויגען דעם פסוק "ראשו כתם פז" וואס האט געמיינט, אז דער ליאדיער דארף זיך מתעסק זיין מיט מטהר זיין דעם קאפ...

נאך דער טהרה, האט מען דעם גרויסן נפטר געפיהרט טובל זיין אין מקוה. און אז עס איז בעקומען, ווען מען האט דעם מת געדארפט אונטערטונקען דעם קאפ אין מקוה, האט זיך דער ליאדיער ז"ל אפגעשטעלט... ער האט ניט געקענט בשום אופן פועל'ן ביי זיך עס צו טהאן... חברה האבען גענומען איהם אונטעראיילן, ווייל ער איז מעכב אין דער טהרה... א ווייל האט דער צדיק געשוויגען, אבער פלוצים האט ער זיך א שטעל געטהאן און האט אויסגעשריען:

- גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן! צדיקים נאכ'ן טויט זענען אין א העכערע מדרגה פון גרויסקייט ווי ביי זייער לעבען. לאזט איהם אפ, זאל ער זיך אליין טובל זיין!...

אלע האבען זיך ווי דערשראקן, און האבען אפגעלאזען דעם מת... און ער האט זיך אליין דריי מאל טובל געווען... און ווען ער האט זיין קאפ צום דריטען מאל אויפגעהויבן, האט ער זיך אויסגעדרעהט צו זיין תלמיד און האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ... דאס האט ער איהם אפגעדאנקט פאר זיין איינפאל...

אט די מעשה האבען די חסידים פון האדיץ געוואוסט, און דערפאר האבען זיי באשלאסען זיך אזוי נוהג צו זיין מיט זייער רבי'ן...

באלד האט זיך די חברה-קדישא גענומען צו דער טהרה... מיט גרויס כבוד האבען זיי דעם גרויסען צדיק און מנהיג-הדור זיין רעכט געטהאן. ווען עס איז געקומען אויסצוקלייבן דעם פלאץ אויפ'ן בית עולם פאר זיין משכן כבודו, האט מען זיך פלוצלינג דערמאנט וועגען דעם בעפעהל, וואס איז ניט לאנג געקומען פון דער רעגירונג, אז מען

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 106 הודפס ע"י אוצר החכמה

זאל פארלויפיג קיינע מתים ניט מקבר זיין אויף דעם בית-עולם, ווארום, עס איז מעגליך, אז מען וועט מקבר זיין נאך מתים דארטען, וועט מען די נייע קברים צעגראבען, און אפילו די מתים ניט לאזען ארויסנעהמען...

דיעזער בעפעהל איז אנגעקומען משום מעשה שהיה. ווען די אידען פון האדיק האבען זיך געווענדעט צו דער שטאדטישער מאכט מיט א בקשה, זיי צו געבען א פלאץ פאר א הייליגען ארט, האט זיי דער ארטיגער מושל על פי טעות אפגעגעבן א שטיק קרקע, וואס האט געהערט, צו דער מלוכה. היות, ווי לאנד, וואס געהערט צו דער מלכוה קען ניט אוועקגעגעבען ווערען בתורת מתנה אהן דער הרשאה פון קיסר אליין, לכן האט שפעטער דער גובערנאטאר פעראררדענט, אז מען זאל אומקעהרען דעם פלאץ צוריק צו דער מלוכה. די האדיצער אידען האבען אויף דער פקודה זיך געווענדעט אין דער עיר המלוכה מיט א בקשה, מען זאל זיי לאזען די קרקע, און זיי וועלען אנשטאט דעם אפגעבען אן אנדער פלאץ, וואס זיי האבען געקראגן צו קויפען בשכנות. דער סענאט האט אבער גע׳פסקנ׳ט, אז ער קען אין דעם ענין גארנישט זאגען, און נאר דער קיסר אליין האט א רעכט צו זאגען וועגען דעם. די אידען האבען זיך מיט׳ן כתב באלד געווענדעט צו דעם קיסר. און דאס איז געווען דער ענטפער, אז ביז דער קיסר וועט זאגען וואס ער וועט געפינען פאר נויטיג, זאל מען דערווייל ניט מקבר זיין קיינעם אויף דעם פלאץ, אז ניט וועט די אחריות פאלען אויף דער דארטיגער קהלה...

צוליעב דעם גרויסן טרויער פון דעם רבי׳נס הסתלקות, האט מען זיך אינגאנצען פערגעסען אין דער פקודה, אבער ווען מען איז אוועק אויפ׳ן הייליגען ארט אויסצוקלייבען א פאסענדע פלאץ, האט מען זיך וועגען דעם דערמאנט

באלד האט מען אפגעהאלטען אן אספה, און אנשי שלומנו מנכבדי העיר האבען זיך קיין עצה ניט געקענט געבען, וואס צו טהאן, זיי האבען מורא געהאט צו נעהמען אויף זיך די שרעקליכע אחריות, ניט מצד דער פקודה, נאר מצד כבוד המת, אולי, חלילה, וועט מען דארפען נאכדעם דעם מת ארויסנעהמען, נאך א לענגערען דענקען האט מען בעשלאסען עס צו לאזען וויסען צו דעם צדיק׳ס מקורבים ר׳ ישראל קאזיק און ר׳ חיים נחום וועלכע האבען זיך געפונען אין דעם חדר, וואו מען האט זיך מתעסק געווען מיט דעם רבינ׳ס טהרה...

דער ראש-הקהל מיט א פאר נכבדי העיר זענען אנגעקומען, ווען מען האט שוין געהאלטען ביים ענדיגן די טהרה, און האבען איבערגעגעבן צו די מקורבים דעם גאנצען ענין.

ביידע האבען אויפגעציטערט, ווען זיי האבען דערהערט, וואס דא טהוט זיך. א ווייל, זענען זיי געשטאנען מיט אראפגעלאזטע קעפ, און האבען ניט געוואוסט וואס צו זאגען.

פלוצלונג האט ר׳ חיים נחום, אויסגעשריען בקול רם:

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 107 הודפס ע"י אוצר החכמה

- אדוני אבי זקני האט בפירוש געזאגט, אז פאר איהם איז האדיץ אויך א גוטער פלאץ, און זיין לעצטער וואונש מוז מקויים ווערען!... אבער ווי קענען מיר נעהמען אויף זיך די אחריות? - האבען די בעלי בתים טרויעריג געשאקלט מיט די קעפ.

- יהי' מה שיהי' - ער האט אזוי געוואלט, מוז אזוי זיין! ער האט געוואוסט וואס ער זאגט! - און מיט דעם פינגער האט ער אנגעצייגט אויף זיין זיידען.

ניט ווילענדיג האבען אלע זיך א קעהר געטהאן צו דער זייט, וואו מען האט זיך מתעסק געווען מיט דעם נפטר, און זיי זענען געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערטע... דעם רבינ'ס פנים האט זיך פלוצלינג געצומען רויטלען און - ער האט א שמייכעל געטהאן...

נאך אין זעלבען טאג איז דער הייליגער צדיק אדמו"ר ר' שניאור זלמן געבראכט געווארען אל משכן כבודו אויף דעם בית-עולם אין האדיץ...

שפעטער איז אויף זיין קבר אויפגעשטעלט געווארען אן אוהל, און טויזענדע חסידים אנשי שלומנו פון אלע טהיילען פון ליטא, רייסין, ווייס-רוסלאנד און א טהייל וואהלין פאהרען אהין מתפלל זיין...

## פרק ארבעה עשר

# ויבכו אותו כל בית ישראל

אדמו"ר האמצעי מתאר בעצמו איך הוא לקח הבשורה

"נפלתי לארץ כל הלילה ולא הי' בי דעת כלל, וה' נתן בי לעמוד בדעת אחר ב' וג' ימים שהושב רוחי מעט אלי ונתחזקתי ע"י ידידי כנפשי וכלבבי ר' בנימין משקלאב שהי' פה.

אדמו"ר האמצעי שהה בקרעמענציק עד אחר חג הפסח. אחר כך התיישבו אדמו"ר האמצעי והצמח צדק לפי שעה בהאדיטש שבה נטמן כבנו הזקן ושאר המשפחה ישבו בעיר ראמען הסמוכה להאדיטש.

באחד החזיונות לילה שראה הצ"צ את רבינו הזקן בתוך שלשים להסתלקותו אמר לפניו המאמר על שלשה דברים העולם עומד. אחרי המאמר א"ל: איש מזריע תחלה יולדת נקבה זהו אמך, אשה מזרעת תחלה יולדת זכר זהו עתה.

במשך שלשה חדשים קמה התעוררת גדולה בין עדת חסידי חב"ד מדינת רוסיא

חסידי רוסיא הקטנה ואוקראינה התועדו בכמה ערים מרכזיות ובחרו משלחת אל רבינו האמצעי לבקש שיקבע דירתו באחת הערים שברוסי' הקטנה.

חסידי רוסי' הלבנה התוועדי גם המה בכמה ערים מרכזיות ובחרו משלחת לבקש את רבנו האמצעי שיואיל לשוב לארץ מולדתו, היא רוסי' הלבנה ויקבע דירתו באחת הערים שימצא לנכון. המשלחת מרוסי' הלבנה גברה על משלחת של רוסי' הקטנה ואחרי חג השבועות עזב רבינו האמצעי את קרמנציג ויעשה את דרכו לרוסי' הלבנה.

כשלשה חדשים שהה רבנו במסעו זה. מעיר לעיר וממקום למקום עד בואו לעיר ויטבסק. בכל מקום בואו אמר מאמרי הסידות ונתקבל בכבוד גדול, לא רק על ידי היהודים, כי אם גם על ידי שרי בית פקידות הממשלה ופקידי המשטרה שקבלו הוראה מבית פקידות השר לעניני פנים, להדר [5] של הרבי שניאור רבנו האמצעי בנו של הרבי בורכוביץ רבנו הזקן שעושה הרבה לטובת ארץ המולדת, והממשלה מכירה לו תודה רבה עבור ומבקשת להדר בכבוד בנו ממלא מקומו.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 109 הודפס ע"י אוצר החכמה

אבל איך נבחר ליובאוויטש להיות הבית חדש לאדמו"ר האמצעי? הנסיך פירסט לובאמירסקי עזר הרבה לרבינו הזקן אחר יציאתו ממאסר השני׳. בנה לו בית בית הכנסת, וכל מה שצריך בעיר ליאדי שהי׳ תחת ממשלתו. הנסיך לובאמירסקי הי׳ בעה"ב על אחיזת ליאדי.

לובאמירסקי, וועלכער האט געהאט אויפגעבויט דעם הויף אין ליאדי פאר'ן אלטן רבי'ן איז ווידער געקומען צום הילף. ער האט געוואלט האבען דעם נייעם רבי'ן צוריק אין ליאדי, ער איז געווען גרייט צוריק בויען דעם חרוב געווארענעם הויף אויף זיין אייגענער רעגירונג...

...עס איז אבער באשערט געווען אז אנדער שטאדט באריהמט צו ווערען, דאס איז געווען ליבאוויטש...

... ליובאוויטש וועלכע איז נאך דאמאלס געוען א קליין שטעדטעל און ארומיגערינגלט פון וועלדער איז, ווי מיר ווייסען שוין, ניט געווען אינגאנצען פרעמד צו חב"ד אין צו די רבי׳אישער פאמיליע בפרט.

אין ליובאוויטש האט ר׳ שניאור זלמן געהאט געלערנט זיין ערשטע תורה ביי ר׳ ישכר בער קאבליקער פון ליובאוויטש איז אויך געהאט ארויסגעוואקסן אזא גרויסער חסיד פון דעם אלטען רבי'ן ווי ר׳ יאסעלער דעם מגיד'ס, טאקע א זוהן פון דעם דערמאהנטן ר׳ ישכר בער'ן.

נאך דער באפרייאונג פון זיין ערשטער ארעסט האט ר׳ שניאור זלמן געהאט באזוכט ליובאוויטש, ער איז דאס שטעדטעל דורכגעפאהרען צוריקקעהרענדיג פון פעטערבורג.

עס ווערט דערצעהלט אז דאמאלס האט מען איהם פארגעשלאגען, אז ער זאל זיך אפשטעלען אין ליובאוויטש אין מאכען דארט זיין היים.

עס איז ניט קיין גבול איז געווען זיין ענטפער, און ער האט דארט ניט געוואלט פארבלייבען.

דאס איז אבער נאר געגאנגען אויף דעם אלטען רבי'ן אליין, פאר זיינע קינדער אין קינדס קינדער איז ליובאוויטש שפעטער געווארען א היים אין פעסטונג פון חב"ד. דאס איז אבער ניט געקומען אהן לובאמירסקי'ן, בעסער געזאגט דורך לובארמיסקי'ס פלימעניק סעקרעט.

סעקרעט, איז געווען ניט ווייניגער פריינדליך צו אידען אין ניט קיין קלענערער פארעהרער פון דעם רבי'ן ווי לובארמיסקי.

צווישן לובאמיסקי'ן און זיין פלימעניק האט געהאט אויסגעבראכן א קריעג צוליעב א געווויסער מיספארשטענדניס, פעטער און פלימעניק זיינען פאר א צייט געווען ברוגז.

עס איז אבער געקומען א צייט ווען פעטער און פלימעניק האבען זיך איבערגעבעטן.

סעקרעט איז איינגעלאדען געווארען צו זיין פעטער אין שלאס. ער האט געבראכט לובאמירסקי'ן א מתנה, א טהייערע שטיקעל ציערונג, וואס ער געקויפט אין אויסלאנד וואו ער פלעגט פאהרען גאנץ אפט.

און איך האב פאר דיר אויך א מתנה. די טהייערסטע מתנה וואס איך קען דיר שענקען האט דער פעטער געזאגט צום פלימעניק. סעקרעט האט אודאי געמיינט, אז לובארמיסקי וועט איהם געבען א טייערען חפץ, געלט אדער א שטיק לאנד אדער א וואלד.

לובאמיסקי האט אבער געהאט גאנץ אנאנדער סארט מתנה פאר איהם.

איך גיב דיר אלס מתנה דעם רבי'ן האט ער אויפגעדעקט פאר'ן פלימעניק אין וואס זיין מתנה באשטעהט. איך האב געהאט בדעת איהם צו ברינגען צוריק קיין ליאדי און דארט צוריק בויען פאר איהם זיין הויף, איך וויל אבער צייגען דיר מיין גוט הארציגקייט און מיין גוטען ווילען איך וועל דיר איבערגעבען דעם רבי'ן. זאל ער זיך באזעצען אין ליובאוויטש און דו דעם גרויסען כבוד צו בויען פאר איהם א הויף ווי עס פאסט פאר איהם און זיין גרויסע נאכפאלגערשאפט צווישען חסידים.

און פאר לובארמיסקי'ן איז עס ניט געווען בלויז א פוסטער זשעסט, ער האט טאקע געהאלטען פאר א גרויסען קרבן פון זיין זייט ארויסצולאזען דעם רבי'ן פון זיינע גרעניצען.

אין דער אמת'ן האט עס פאר איהם אויך געמיינט א גרויסער איינקונפט. מיט דעם וואס דער אלטער רבי איז געזעסען אין ליאדי איז ניט נאר די גאנצע געגענד ארום האט אויפגעלעבט. דאס האט פאר לובאמירסקי'ן געמיינט א גרויסער איינקופט.

..עס איז אנצונעהמען, אז לובאמירסקי וועלכע איז געווען אן אמת'ער פריינד פון דער רביאישער פאמיליע האט אויך געהאט איינגעזעהן די וויל ווענדיזהייט.

ליבאוויטש איז געווען אן איידעאלער פלאץ פאר דעם אין דערפאר איז ער געווען גרייט זיך אליין אפצוזאגען פון רבי'ן און איהם איבערגעגעבן צו זיין פלימעניק.

מען האט אבער געדארפט הערען פון רבי'ן אליין ר' דובער וועלכע האט ערשט געהאט איבערגענומען די קרוין פון חב"ד און מיט זיין פאמיליע געווען ווייט אוועק...

לובאמירסקי האט באלד ארויסגעשיקט א בריעף צו איהם דורך א ספעציעלען שליח.

- ליאדי איז פאר אייך אפען. איהר קענט זיך דארט צוריקקעהרן און איך וועל פאר אייך צוריקבויען אייער היים אין אייער בית המדרש אין אלץ וואס איהר וועט פארלאנגען - האט געלויטערט לובאמירסקי'ס בריעף. - איך שלאג אבער פאר ליבאוויטש, אונטערען שוץ פון מיין פלימעניק סעקרעט. וואו איהר וועט געפינען א נייעם מקום מנוחה. מיין פלימעניק, מיט מיין הילף, וועט פאר אייך טהאן אלץ וואס איך אליין וואלט פאר אייך געטהאן און בין גרייט צו טהאן אויך איהר זאלט קומען קיין ליאדי.

דער מיטעלער רבי האט אויסגעקליבן ליובאוויטש, עס איז געווען אן איידעלער פלאץ

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 111 הודפס ע"י אוצר החכמה

אין אלע הינזיכטען.

סעקרעט, מיט דעם הילף פון לובאמירסקי'ן, האט באלד זיך גענומען צו דער ארבייט. מען האט אנגעהויבען שניידען וואלד און פיהרען קלעצער אין שטעדטעל. צעהנליגע פויערים אונטער'ן אויפזיכט פון בעוואוסטע חסידים, האבען זיך געשטעלט בויען. אין א קורצער צייט ארום איז ליבאוויטש געווען פראכטפאלער רביאשער הויף - א גרויס הויז פאר'ן רבי'ן, הייזער פאר זיינע קינדער און בתי מדרשים, אכסניות און אפילו א נייער מרחץ.

אין מיטען ווינטער אין יאהר תקע"ד האט זיך דער מיטעלער רבי אריינגעקליבען אין ליבאוויטש.

כשהגיע רבנו האמצעי לליובאוויטש, נסע למקום ריק אחד עליו נשרפו הבתים לפני שנתיים ואמר:

- לפני חמשים ושמונה שנים, כשרבינו הזקן הי' בגיל עשר שנה ולמד אצל הצדיק החסיד רבי ישכר דוב, למד אתו רבי ישכר דוב בבית הכנסת

שבבואי לליובאוויטש אקבע את מקום מושבי במקום זה, וברך את עיר מושבי נשיאי חב"ד באריכת ימים ושנים.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
באהלי חב"ד - א דויטש, שאול שמעון עמוד מס: 112 הודפס ע"י אוצר החכמה